# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

**תנו לב בעת שמחתכם, בשמירת קברי אבותיכם,**
**וזכות אבות יגן עליכם**

**צו האבן א חלק אין די עבודה"ק פון אבותינו רופט: 718-640-1470 עקס. 304**

**מודעה מטעם וועד למשמרת בתי חיים שע"י אבותינו**

לכבוד די חשוב'ע יוצאי העיר וועלכע ווילן איינשרייבן

די ביה"ח פון זייערע אבות, אין אבותינו'ס מעינטענענ"ס סיסטע"ם

## געדענקט דעם דאטום: ר"ח שבט תשע"ג

ביז ווען מ'קען אונטערשרייבן דעם מעינטענענ"ס קאנטראקט פאר'ן יאר תשע"ג,

אן א גע'חתמ'עטע שטר הסכם איז די ביה"ח נישט אונטער אבותינו'ס אויפזיכט,

מיר ערווארטן אייער פארשטענדעניש. ביטע רופט: **718-640-1470 עקסט. 306**

**וועד למשמרת ביה"ח:** יצחק מרדכי פאללאק, ליפא וואלנער

אהרן יודא אבעלעס, יודא מרדכי דייטש, יואל בערקאוויטש

## בשורה טובה: פראמינענטע וועד פארמירט לטובת הצלת ביה"ח בעיר **גונז-רוסקע, אונגארן**

**ראשי הוועד:**

•הרה"ח ר' **אליעזר פרענקל** הי"ו **ומשפ'** שיחי'

•מרת **אויש** שתחי' **ומשפ'** שיחי'

•הרה"ג רבי **אברהם לויפער** שליט"א – אב"ד **דאראג**

•הרב **יצחק שמעון עסטרייכער** שליט"א

ראש הכולל ד'סקווירא – א"י **ומשפ'** שיחי'

•הרה"ח ר' **יחזקאל שרייבער** הי"ו – לאנדאן

•הרה"ח ר' **יחזקאל פרענקל** הי"ו – סיגעט

**בהשתדלות:**

•האחים הח' הרה"ח ר' **יואל** והרה"ח ר' **יקותיאל יצחק**

בני הרה"ח ר' **אביגדור** בר"א **פרענקל** הי"ו

•הרה"ח ר' **יצחק** בהרה"ח ר' **פישל דייטש** הי"ו

•הרה"ח ר' **אברהם שלמה כ"ץ** חתן הרה"ח ר' **יוסף אויש** הי"ו

***********

ווי באקאנט, איז אנטשטאנען א דרינגענדע פראבלעם אינ'ם גונזרוסקע ביה"ח, אין וועלכע די דערנעבנדיגע וואסער האט פארשוועמט ריזיגע שטיקער פונ'ם ביה"ח, אינאיינעם מיט קברים ר"ל. כדי צו אפהאלטן די בזיון המתים, איז באשלאסן געווארן צו בויען א פעסטע **שוץ-מויער**, א זאך וואס איז פארבינדן מיט ריזיגע הוצאות.

**הודו לה' כי טוב** בעז"ה האט דער פריינטליכער בירגערמייסטער פיל ארויסגעהאלפן, וויבאלד דער פראבלעם האט אפעקטירט די גאנצע ארומיגע געגענט. דער מעיאר האט אפעלירט פאר פעדעראלע הילף פון די אונגארישע רעגירונג צו פאררעכטן די פראבלעמען אינ'ם געגנט, און עס איז בס"ד נתקבל געווארן. מען האט ערהאלטן אן אפמאך אז די קלענערע טייל הוצאות בנוגע דעם שטח הביה"ח – אן ערך פון $35,000 - וועט תיכף געדעקט ווערן דורך די אייניקלעך, יוצאי העיר.

**פאקטן וואס דארף ווערן גענומען אין באטראכט:**

•פעדעראלע רעגירונג געט 80%-90% פון די הוצאות

•די לאקאלע רעגירונג האט מרצונם הטוב מיטגעלייגט די בקשה לטובת הביה"ח

• די לאקאלע רעגירונג מוז קודם צושטעלן די ערשטע $35,000 כדי צו באקומען די פעדעראלע הילף. דעריבער בעטן זיי בכל לשון של בקשה אז מיר זאלן ארייגשיקן אונזער טייל פאר די ארבעט פון **שלב א'**, כדי צו פארמיידן א גרויסער חילול ה' איז דרינגענד צו ברענגען די סכום במוקדם האפשרי.

**באלד נאכ'ן ענדיגן שלב א', וועט מען בעז"ה אנהויבן מיט בויען א גדר ארום די ביה"ח און אויפשטעלן די מצבות.**




די ביה"ח און א שרעקליכע מצב




**גדול הראי' יותר מן השמיעה:**
אבותינו ביים באזוכן דעם ביה"ח




**אבני הקודש תשתפכנה:** בארג ווערט פארשוועמט, אפענע קברים רח"ל ווערן געזען.




**גבול שמתי:** די קברים שטייען ממש ביים שפיץ גרעניץ פונעם בארג




**כי יפול הנופל ממנו ח"ו:** די לאך וואס ווערט פארשאפן פונעם פארשוועמונג




קונטרס ארומגעשיקט צו בני המשפחה



**די ארבעט פאר'ן שוץ-מויער אנגעהויבן**



**מאטריאל אנגעקומען פאר די בוי-ארבעט**



**מצבת קודש:** די מצבה פון הגה"ק גינז-רוסקא'ער רב: פ"נ א'ו'ח'ה' (אורים ותומים חושן המשפט) החריף המופלג הרב אב"ד ממ"ה שרגא פייבוש ב"מ אורי נפטר ביום ג' לחודש אדר שני בשנת תקפ"א תנצב"ה



**אחורי המצבה** של הגה"ק מרוסקא: פ"נ מרגניתא שפירא גינזא יקירא ה"ה החריף השנון אב"ד מ"מ ר' שרגא פייבוש ז"ל ב' מ' אורי תנצב"ה

**עס דארף געשאפן ווערן און די נאנטע צוקונפט בערך $100,000 צו בויען א נייעם, דויערהאפטיגער גדר ארום די גאנצע ביה"ח, רייניגן, אויפשטעלן אלע מצבות, און מסדר זיין א יערליכע מעינטענענס.**

**ווערט א שותף און די עבודת הקודש!**

פאר אלע פראגן ביטע רופט: הרה"ח ר' יואל בר"א פרענקל הי"ו –**718-685-8832** או עם אבותינו עקס. **303**